UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Vegn Khayim Potaks Noveln / Regarding Chaim Potok’s Novels

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/50x241s4

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

Author
Lev Friedman, Leyb Fridman /

Publication Date
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב פרידמאַן / מעלבורן, אויסטראַליע

# חיים פּאָטאָק — דער יידישסטער שרייבער אין ענגליש

דער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער אין ענגליש, חיים פּאָטאָק, האָט ביז איצט אָנגעשריבן פיר ביכער:*) „די אויסדערווילטע", „דער צוזאָג", „מיין נאָמען איז אָשר לעוו" און „אין אָנהייב".

איך בין זיך משער, אַז ווייניק ניט־יידישע לייענערס פאַרשטייען זיינע ווערק און נאָך ווייניקער לעבן איבער די עמאָציעס, וואָס אַ ייד לעבט איבער ביים לייענען זיינע ביכער.

די וועלט פון חיים פּאָטאָק איז דורכויס אַ יידישע. עס איז די חסידישע און די רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע סביבה מיט רביים, צדיקים און תלמידי־חכמים, וואָס שווימען אַרום אין תלמוד ווי אַ פיש אין וואַסער. עס איז אַ וועלט פון עילויים, קינדער מיט אָפענע קעפּ, וועלכע כאַפּן אַ שווערן ענין נאָך איידער דער לערער אָדער דער מלמד באַוויזט זיי אויפצוקלערן.

די אַקציע אין פּאָטאָקס ביכער קומט ניט פאָר אין די אַמאָליקע צייטן, אין מיטל אַלטער אָדער אין אַ יידיש שטעטל אין פוילן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אַקציע קומט פאָר אין די פערציקער און פופציקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט און אין מיטן פון דער וועלט־מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק.

ווי אַן אינדזל אין מיטן פון אַ צעשטורעמטן ים, געפינט זיך וויליאַמסבורג מיט איר חסידישער און אָרטאָדאָקסישער סביבה, וואָס לעבט מיט איר אייגנאַרטיק יידיש לעבן, אַ המשך פון אַמאָל, צווישן דער מאָדערנער אויסערלעכער וועלט.

אין זיינע ביכער שוויבלט מיט חסידים אין די היימען, אין די גאַסן און אין די געשעפטן פון וויליאַמסבורג, מיט זייערע אייגנאַרטיקע, לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס און גרויסע, שוואַרצע, רונדיקע קאַפּעלושן אין מיטן דער וואָך און מיט זיידענע בעקעשעס און פוטערנע שטריימלען אין די שבתים און ימים טובים בעת זיי פילן אויס זייערע בתי מדרשים און קלייזלעך. יעדע חסידישע גרופּע האַלט זיך אָפּגע־
צווישן די חסידים, דאָ און דאָרטן, זעט מען אָרטאָדאָקסישע יידן, וואָס גייען אָנגעטאָן וועלטלעך, אָבער אין שוואַרצן. זיי האַלטן ניט פון חסידות, אָבער זענען שטרענג רעליגיעז, היטן אָפּ כשרות און אַלע אַנדערע יידישע דינים און מנהגים. זיי האָבן זייערע שולן צום דאַווענען און מישן זיך ניט מיט די חסידים.

עס גייט אפילו אָן אַ שטילע און צייטנווייז אַן אָפענע מלחמה צווישן די חסידים און די אָרטאָדאָקסישע יידן וועגן פאַרשיידענע עיקר־פּראָבלעמען פון יידישקייט. אָט די קאָנפראָנטאַציע צווישן די חסידים און פון די מער קאָנסערוואַטיווע אָרטאָדאָקסישע יידן מיט די ליבעראַלע אָרטאָדאָקסישע יידן, ווי אויך די קאָנפראָנטאַציע צווישן די וויליאַמסבורגער יידן בכלל מיט דער אויסערלעכער וועלט, איז דער תמצית פון חיים פּאָטאָקס ווערק.

אין זיינע ערשטע צוויי ביכער: „די אויסדערווילטע" און דער „צוזאָג", ווערט דערציילט וועגן אַ פריינדשאַפט פון צוויי יידישע בחורים אין וויליאַמסבורג. איינער איז דעני (דניאל) סאַונדערס, אַ זון פון אַ חסידישן רבין, און דער צווייטער, ראובן מאָלטער, אַ זון פון אַ תלמוד־לערער אין אַן אָרטאָדאָקסישער ישיבה.

דעני, אַלס דער עלטסטער זון פון צדיק, דאַרף ווערן זיין יורש און פאַרנעמען זיין פּלאַץ נאָך זיין טויט. דעני איז אַן עילוי. ער האָט אַ פענאָמענאַלן זכרון, און זייענדיק 15 יאָר אַלט, קען ער דעם גאַנצן תנ"ך און תלמוד אויסנווייניק. דער פאָטער, דער צדיק, רעדט ניט צום זון. ער רעדט צו אים בלויז בעת זיי לערנען תלמוד. ער טוט עס כדי אויסצולערנען

*) *"The Chosen", "The Promise", "My Name Is Asher Lev" and "In The Beginning".*

דעם זון צו ליידן, ווייל דער צוקונפטיקער צדיק וועט עס דאַרפן אַריינעמען אין זיך אַלע ליידן פון זיינע חסידים.

דעני לעבט אָבער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זיין גלענצנדיקער געדאַנק לאָזט אים ניט רוען. ער וויל וויסן אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דער וועלט. ער גייט אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק און לייענט וואָס עס פאַלט אים אַריין אין דער האַנט. ער שלינגט די ביכער און געדענקט אַלץ וואָרט ביי וואָרט. ער פאַר־אינטערעסירט זיך מיט פסיכאָלאָגיע און באַזונדערס מיט פרוידן. ער לערנט פרוידן אַזוי ווי תלמוד. ער באַקענט זיך מיט אַלע מעגלעכע קאָמענטאַרן וועגן פרוידן און לערנט זיך אפילו דייטש כדי צו ליי־ענען פרוידן אין אָריגינאַל.

פסיכאָלאָגיע ווערט דעניס באַליבטער קעגנשטאַנד און ער באַשליסט צו שטודירן פסיכאָלאָגיע אויפן אוניווערסיטעט. דאָס מיינט אָבער, אַז ער דאַרף זיך אָפּזאָגן צו ווערן דער צוקונפטיקער צדיק. דעניס פאָטער ווייסט, אַז ער קען ניט אָפּשטעלן דעם זונס באַשלוס צו שטודירן פסיכאָלאָ־גיע. ער גיט אים זיין הסכמה דערויף, נאָך דעם ווי דעני זאָגט אים צו צו בלייבן אַ רעליגיעז אָפּגעהיטענער ייד, הגם ער וועט אָפּשערן די פאות און וועט זיך קליידן וועלטלעך.

דעני גייט אויפן וועג צו ווערן אַ באַ־רימטער פסיכאָלאָג, אָבער ער פאַרבלייבט אַ חסיד אין זיין נשמה און אין זיין פירן זיך. ער ווערט אַ צדיק פאַר דער וועלט, אַנשטאָט בלויז אַ צדיק פאַר זיינע חסידים.

ראובן איז ניט אַזוי געניאַל ווי דעני, אָבער ער איז זייער פעיק אויף זיין שטיי־גער. ער קען גוט דעם תלמוד און האָט אַ שטאַרקן אינטערעס צו מאַטעמאַטיק, לאָגיק און פילאָסאָפיע. ער לערנט זיך אויף צו ווערן אַ רב און גלייכצייטיק שטו־דירט ער פילאָסאָפיע. אין דער פרייער צייט לערנט ער תלמוד מיט זיין פאָטער.

דער מעטאָד פון לערנען תלמוד, וואָס ראובנס פאָטער באַנוצט, איז אַנדערש ווי אין דער ישיבה פאַר העכערע לימודים, וווּ ראובן לערנט. זיין מעטאָד איז אַ קריי־טישער. דער מעטאָד גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז ביים איבערשרייבן דעם תלמוד אין דער צייט ווען עס איז נאָך ניט באַנוצט געוואָרן קיין דרוק, זיינען אין געוויסע ערטער אַריינגעפאַלן טעותים. דאָס מאַכט דעם תלמוד ניט פאַרשטענדלעך אין די ערטער ווו די טעותים זיינען אַריינגעפאַלן. דער איינציקער וועג צו מאַכן די ערטער פאַרשטענדלעך, איז צו רעסטאַווירן דעם אָריגינעלן טעקסט.

די קאָנסערוואַטיווע רבנים האַלטן אָט דעם מעטאָד פאַר ניט דערלאָזבאַר און אפילו געפערלעך פאַר דער גאַנצקייט פון דער תורה. זיי האַלטן, אַז יעדעס וואָרט און אפילו אות אין תלמוד איז הייליק און טאָר ניט ווערן געענדערט. ווען ראובנס פאָטער פאַרעפנטלעכט אַ בוך, אין וועלכן ער באַקרעפטיקט דעם קריטישן מעטאָד פון לערנען דעם תלמוד, ווערט ער שטאַרק באַפאַלן דורך דעם רעליגיעז־קאָנסערוואַ־טיווער פרעסע און דער וואָס פירט אָן מיט דעם קאַמפּיין קעגן ראובנס פאָטער, איז ראובנס לערער פון תלמוד, רב קלמן.

רב קלמן דראָט ראובנען, אַז ער וועט אים ניט געבן קיין סמיכה לרבנות, אויב ער וועט באַנוצן דעם קריטישן מעטאָד ביים לערנען תלמוד און וועט זיך בכלל ניט אויפפירן שטרענג רעליגיעז. דאָך באַנוצט ראובן דעם קריטישן מעטאָד אפילו ביים פאַרהער אויף צו באַקומען די סמיכה. ניט געקוקט אויף דעם ווערט ראובנען געגעבן די סמיכה און ער ווערט אפילו באַשטימט אַלס לערער פון תלמוד אין דעם נייעם „ראַביניקאַל" דעפּאַרט־מענט פון דער ישיבה, ווו ער האָט זיך געלערנט.

עס איז צו באַוווּנדערן ווי חיים פּאָטאָק געפינט אַזוי פיל דראַמאַטישקייט אין דעם לעבן פון רעליגיעזן יידנטום היינט־צו־טאָג. אַ דאַנק זיין שרייבערישן טאַלאַנט לייענען זיך די צוויי ביכער מיט גרויס שפּאַנונג. ער ברענגט אַרויס פיל דער־הויבענע און רירנדיקע מאָמענטן, וועלכע ווירקן אויפן לייענער ביז צו טרערן.

אין דעם „צוזאָג" ווערט אויך באַהאַנדלט אַן אינטערעסאַנטער פסיכאָלאָגישער פּראָ־בלעם, וואָס איז זייער פיין אַריינגעפלאָכטן אין דער אַקציע פון דעם ראָמאַן.

צו אַ גרויסער קינסטלערישער הויך איז חיים פּאָטאָק דערגאַנגען אין זיין דריטן

בוך: „מיין נאָמען איז אָשר לעוו". ער דערציילט אין דעם בוך ווי ביי חסידישע עלטערן אין ברוקלין ווערט געבוירן אַ יינגל, וואָס ווייזט אַרויס שוין אַלס קינד אַ טאַלאַנט צו צייכענען און מאָלן.

די קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם זון און די עלטערן הייבט זיך אָן גאָר פרי און שטייגט כסדר בעת דער זון ווערט עלטער און זיין טאַלאַנט צו מאָלעריי ווערט אָנזעעודיקער. אין אָנהייב באַטראַכטן די עלטערן דעם טאַלאַנט פון זון אַ קינדערישע שפיל, אַ נאַרישקייט, וואָס וועט איבערגיין. ווען אָבער אָשרס טאַלאַנט ווערט אַלץ מער בולט, הייבן אָן זיינע עלטערן צו פאַרשטיין, אַז זייער זון איז ניט קיין דורכשניטלעך קינד, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסן טאַלאַנט. דאָס איז זיי אָבער ניט צום האַרצן, ווייל זיי זיינען אָנגעזעענע חסידים פון דעם לאַדאָווער (געמיינט ליובאַוויטשער) רבין. דער פאָטער, אריה לעוו, האָט העכערע בילדונג, באַזיצט פיל שפראַכן. ער פאָרט איבער דער וועלט, געשיקט פון רבין, אויפצושטעלן חסידישע ישיבות נאָך דעם גרויסן יידישן חורבן אין אייראָפּע. אויך די מוטער שטודירט רוסיש און סאָוועטישע פּראָבלעמאַטיק צו העלפן רוסישע יידן.

דער פאָטער באַטראַכט דעם טאַלאַנט פון דעם זון ווי אַן אָנשיקעניש, וואָס איז געקומען ניט פון גאָט, נאָר פון טייוול. די מוטער איז צעריסן צווישן דעם פאָטער און דעם זון. זי גלייבט, אַז גאָט האָט געגעבן דעם זון אַ טאַלאַנט צו מאָלן, כדי צו מאַכן די וועלט שענער.

דער קאָנפליקט ווערט צייטווייליק געלייזט ווען דער רבי זעט איין, אַז עס איז גאָטס ווילן אָשר זאָל זיין אַ מאָלער. ער גיט אים איבער אין די הענט פון אַ גרויסן יידישן קינסטלער, ער זאָל אים מדריך זיין. דער קינסטלער איז ניט קיין פרומער, אָבער ער איז אַ גוטער פריינד פון דעם רבין. דער קינסטלער האָט אַ גרויסן איינפלוס אויף אָשרן. ער לערנט אים צו זיין ערלעך צו זיך אַליין און צו דער קונסט. ער זאָגט אים פאָרויס, אַז זיין וועג וועט זיין אַ שווערער און פול מיט פיין. די ליידן, וואָס ער וועט פאַרשאַפן זיינע נאָענטסטע, וועלן זיין באַרעכטיקט, אויב ער וועט ווערן אַ גרויסער קינסטלער. ער שיקט אים אין די מוזייען צו קאָפּירן די גרויסע קינסטלער און ווייזט אים אָן, אַז ער מוז קענען אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם געביט פון מאָלעריי, כדי ער זאָל קענען געפינען זיין אייגענעם, נייעם וועג.

גייט אַרום אָשר לעוו איבער די מוזייען פון ניו־יאָרק מיט אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ און מיט פליענדיקע פּאות ביי די זייטן און קאָפּירט אין זיין העפט די גרויסע קינסטלערס פון דער וועלט.

יידן האָבן ניט געהאַט קיין גרויסע מאָלערס ביזן 19טן יאָרהונדערט. גאָר גרויסע און באַרימטע יידישע מאָלערס און סקולפּטאָרן האָבן זיך ערשט באַוויזן אין 20טן יאָרהונדערט. דאָס געבאָט „לא תעשה לך פסל וכל תמונה" האָט אָפּגעהאַלטן די יידן פון מאָלעריי און סקולפּטור אין משך פון פיל יאָרהונדערטער, דאַקעגן די ניט־יידישע קינסטלערס האָבן דערגרייכט גאָר אַ הויכע מדרגה אין מאָלעריי און סקולפּטור אין מיטלאַלטער. זייער טעמאַטיק איז געווען אַ ביבלישע אָדער אַן עוואַנגעלישע.

ווען אָשר לעוו ווערט אַן אָנגעזעענער קינסטלער, פאָרט ער קיין אייראָפּע צו באַקענען זיך מיט דער מאָלעריי פון די גרויסע מייסטערס פון מיטלאַלטער. ער ווערט זייער שטאַרק באַאיינדרוקט פון זיי. שפּעטער, ווען ער וויל אויסדריקן אין אַ געמעל די ליידן פון זיין מוטער אין שייכות מיט דעם קאָנפליקט צווישן אים און זיין פאָטער, געפינט ער ניט קיין אַנדערן וועג ווי צו קרייציקן די מוטער אין דעם געמעל אויפן פענצטער, ווו זי פלעגט שטיין שעהען־לאַנג און וואַרטן אויף דעם מאַן אָדער אויף דעם זון. דאָס בילד איז אַרויסגעקומען זייער שטאַרק און האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. אויף דער אויסשטעלונג פון אָשרס בילדער טראָגט דאָס געמעל דעם נאָמען: „די קרייציקונג אין ברוקלין".

ווען אָשרס פאָטער זעט דאָס בילד, פאַרלאָזט ער גלייך די אויסשטעלונג און מיידט אויס צו זען זיך און צו ריידן מיטן זון. דער רבי פאַררופט אָשרן צו זיך און ראַט אים צו פאַרלאָזן זיין היים און אַוועקפאָרן קיין אייראָפּע, ווייל זיין אָנוועזנהייט

איז גורם צו פיל ליידן און ווייטיק זיינע נאָענטסטע.

עס דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַשר לעוו פאַרבלייבט ביזן סוף אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, וואָס היט אָפּ דאָס דאַווענען און כשרות. אין אַ געוויסן זין פאַרבלייבט ער אפילו אַ חסיד, אָבער זיין דראַנג אויסצודריקן אין מאָלעריי די ליידן פון זיין מוטער, פירט אים אין די פוסטריט פון די קריסטלעכע מייסטערס, ווייל קיין יידישע טראַדיציע אויף דעם געביט איז ניטאָ.

איך בין ניט זיכער, צי עס איז געווען קינסטלעריש ריכטיק צו פאַרענדיקן דעם ראָמאַן, ווי חיים פאָטאָק האָט עס געטאָן. דער סוף, וואָס חיים פאָטאָק האָט צוגעטראַכט, ווירקט טאַקע גאַר שטאַרק. דער קאָנפליקט ווערט דערפירט צו דער העכסטער מדרגה, אָבער עס איז אַ גרויסער ספק צי אַשר לעוו, זייענדיק אַן אָפּגעהיטענער ייד און חסיד, האָט ניט געקאָנט געפינען אַן אַנדערן וועג אויסצודריקן די ליידן פון זיין מוטער, ווי דורך אַ קרייציקונג.

ליידער ברענגט ניט חיים פאָטאָק אין זיין פערטן בוך „אין אָנהויב" קיין שום נייע מאָמענטן. עס ווערט דאָ איבערגעחזרט די אַלטע טעמאַטיק פון זיינע ערשטע צוויי ביכער: די רעליגיעזע יידישע וועלט און די קאָנפליקטן, וואָס קומען פאָר צווישן די פאַרשיידענע איינשטעלונגען אין אָט דער וועלט, גלייכצייטיק דער איינפלוס פון דרויסן אויף דער רעליגיעזער וועלט.

פאַר זיך אַליין גיט דאָס בוך גאַר אַ פיינע באַשרייבונג פון אַן עילוי, וואָס איז פיזיש שוואַך און קרענקלעך, האָט אָבער אַ שאַרפן מוח, וואָס לויפט פאַרויס און וויל ניט וויסן פון באַגרענעצונגען.

מיר זען דודן, דעם עילוי פון זיינע קינדער־יאָרן ביז צום ענדיקן די ישיבה מיט אַ סמיכה אויף צו ווערן אַ רב. דוד באַשליסט אָבער צו שטודירן ווייטער אויף צו ווערן אַ ביבל־פאָרשער לויט די נייעסטע מעטאָדן, וואָס ווערן איצט אָנגעווענדעט אויף די אוניווערסיטעטן. ער וויל ווערן אַ ביבל־פאָרשער ניט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין תנ"ך, נאָר כדי צו פאַרטיידיקן די תורה פון די ניט־יידישע און יידישע פאָרשער, וואָס רייסן אַראָפּ איר הייליקייט.

אָבער דער נייער מעטאָד פון ביבל־פאָרשונג איז פרעמד דעם אָרטאָדאָקסישן יידנטום. זיי באַטראַכטן יעדן איינעם, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם, ווי אַן אַפּטריניקן. פאַר זיי עקזיסטירט ניט קיין שום צווייפל אַז אַלץ וואָס איז אין דער תורה, איז הייליק.

ווען דוד פאַרשרייבט זיך אויפן אוניווערסיטעט צו שטודירן ביבל־קריטיק, פאַרבלייבט ער אַליין. די משפחה, די פריינד, די גאַנצע סביבה, פון וואַנען ער איז געקומען, רייסט איבער מיט אים. ער מוז אַליין גיין דעם שווערן וועג, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן.

פאַר חיים פאָטאָקן מיינט יידישקייט — רעליגיעזע יידישקייט אין אירע פאַרשיידענע ניואַנסן. וועלטלעכע יידישע ווערטן, באַזונדערס אין יידיש, זיינען אים וואַרשיינלעך ווייניק באַקאַנט און מעגלעך אין גאַנצן פרעמד. ער קען יידיש, אָבער די שפּראַך, אין וועלכער ער טראַכט און שאַפט, איז ענגליש.

מ'האָט געגלויבט, אַז רעליגיעזע יידישע קרייזן, ווו עס ווערט באַנוצט יידיש אין די היימען און ביים לערנען תורה, וועלן מעגלעך אַרויסגעבן אַ יידישן שרייבער. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ יידישן שרייבער, אָבער אין ענגליש.

פון פאָטאָקס ביכער זעט מען, אַז יידיש ווערט באַנוצט אין די רעליגיעזע יידישע היימען אין אַמעריקע, אָבער מיט די קינדער רעדט מען שוין ענגליש. אין די ישיבות ווערט באַנוצט יידיש און ענגליש. די תלמידים האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן די שפּראַך, וואָס איז זיי באַקוועמער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ענגליש שטופּט אַרויס יידיש.

חיים פאָטאָק איז פאַרהעלטנישמעסיק נאָך יונג און מ'קען פון אים דערוואַרטן נאָך פיל גוטע ביכער, אויב ער וועט באַוויזן אויסצוברייטערן זיין טעמאַטיק און אַרויסגיין פון די ראַמען פון זיינע ערשטע פיר ביכער.